און וועט אַרויפשטײַגן אויס דעם תהום און גײן צו
פֿאַרדאַרבונג. און די אײַנוואוינער אויף דער ערד,
וועמעס נעמען איז נישט פֿאַרשריבן אין דעם ספר
החיים פֿון בריאת העולם אָן, וועלן זיך וואונדערן,
ווען זײ וועלן זען די חיה, אַז זי איז געווען און
9 איז (מער) נישטאָ און וועט ווידער זײַן. דאָ איז
דער זין, וואָס האָט חכמה: די זיבן קעפּ זענען זיבן
10 בערג, אויף וועלכע די פֿרוי זיצט; און זענען זיבן
מלכים; פֿינף זענען געפֿאַלן, אײנער איז דאָ, דער
אַנדערער איז נאָך נישט געקומען; און ווען ער
11 וועט קומען, מוז ער בלײַבן אַ קורצע צײַט. און
די חיה, וואָס איז געווען און איז (מער) נישטאָ,
איז אַלײן אויך דער אַכטער, און איז פֿון די זיבן;
12 און גײט צו פֿאַרדאַרבונג. און די צען הערנער,
וואָס דו האָסט געזען, זענען צען מלכים, וועלכע
האָבן נאָך נישט באַקומען קײן קעניגרײַך; נאָר זײ
באַקומען ממשלה ווי מלכים מיט דער חיה אויף אײן
13 שעה. די דאָזיקע האָבן אײן מײנונג, און געבן
14 זײער כּוח און ממשלה צו דער חיה. זײ וועלן
מלחמה האַלטן מיט דעם לעמעלע, און דאָס לעמעלע
וועט זײ מנצח זײַן, ווײַל עס איז האַר איבער הערן,
און קעניג איבער קעניגן; און די, וועלכע זענען מיט
אים, זענען גערופֿענע און אויסדערוויילטע און גע־
15 טרײַע. און ער זאָגט צו מיר: די וואַסערן, וואָס דו
האָסט געזען, וואו די זונה זיצט, זענען פֿעלקער און
16 המונים מענטשן און אומות און לשונות. און די
צען הערנער, וואָס דו האָסט געזען, און די חיה,
זײ וועלן האַסן די זונה, און וועלן זי מאַכן וויסט
און נאַקעט, און וועלן פֿאַרצערן איר פֿלײש, און
17 זי פֿאַרברענען אין פֿײַער. וואָרום ג־ט האָט
עס זײ געגעבן אין זײערע הערצער אַרײַן, צו טון